"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר

"בך יאמינו"

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר כ"ט**

חודש ניסן שנת תשפ"ד לפ"ק

אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל
**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**
איר קענט אריינרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**
אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

**ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל:** dyyms12@gmail.com

**וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור הוצאת עריכת הקונטרסים**

**נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9**

©
כל הזכויות שמורות

בהכוונת בית מורינו הגה"צ שליט"א

אר"י: 02-313-2210

ארה"ב: 518-329-9797

ענגלאנד: 44-33-0613-0927

נסדר לדפוס ע"י:

ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


"קָרְבָה אֶל נַפְשִׁי גְאָלָהּ" ........ א
אמונה בהשגחה פרטית גם בדבר התלוי בבחירה ........ ג
שָׁגָה ועבד את המינות ........ ה
געמאכט מיט א גרויסן פּאַראַד ........ ו
גלויבן אין דעם יום-טוב ........ ז
יעדער נברא שרייט אויס דעם בורא! ........ ט
הערן עתידות פון די קלאפן פון די פערד... ........ י
ההשגות בעולם הבא - כפי אמונתו בעולם הזה ........ יא
על ידי אמונתו בַּצדיק מקבל אמונה שלו ........ יג
"אזוי האט אים געשיינט 'כל התורה כולה'!" ........ טו
'כי תורה חדשה מאתי תצא' ........ יז
תמימות גבוה מן הכל! ........ יח
זיך אנהאלטן אין דעם בענדל ........ יט
או יהודי או תלוי! ........ כ
"וְעוֹד מְעַט - וְאֵין רָשָׁע" ........ כא
א תיקון איינס אין דער וועלט! ........ כג



**חלק מהוצאות נתנדב**
**לע"נ שר הצדקות והחסד**
הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו
**(מייזעלס)**

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **חיים נאה** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מאמר כ"ט

## בך יאמינו

### שיחת הכנה לחג הפסח שנת תשס"ט - שנת ברכת החמה

**"קָרְבָה אֶל נַפְשִׁי גְאָלָהּ"**

עס שטייט פון בעל שם[א], אזוי ווי מען איז געווען אין גלות מצרים בפשטות, אזוי איז מען געווען אין אַן אייגענעם גלות.

דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן[ב]: **"כל הגליות נקראים בשם מצרים"**[ג]. מצרַים איז מלשון מְצָרים.

מען האט זיך געפונען אין א גרויסן 'מיצר' בגשמיות; די תורה רופט דאך אָן דעם 'גלות מצרים' - "כור הברזל"[ד]. שטעלט אייך פאָר וואס איז דאס א "כור הברזל", אַן אייזערנער טאפ וואס מען לייטערט אויס דארטן גאָלד וואס מען דארף עס פארמאכן אזוי שטארק אויף דעם שטארקסטן אופן, און מיט וואספארא שליסל מען דארף עס פארמאכן, און מען דארף עס אנהייצן מיט גוזמאות היץ ביז עס זאל אויסלייטערן דאס גאלד; ווייל גאלד איז מעורב מיט ערד און בלאטע,

---

**א.** עיין תולדות יעקב יוסף פר' שמיני, אות א': ענין גלות מצרים וגאולת מצרים, **כמו שהיה בדרך כללות אומה ישראלית, כך יש בפרטות אדם א'.** וכמו ששמעתי (עיין פרשת וישלח, ועוד) פירוש הפסוק **קרבה אל נפשי גאלה** (תהלים סט, יט), כי קודם שיתפלל על גאולה כללית, צריך להתפלל על גאולה פרטיות לנפשו, ודפח"ח.

**ב.** ליקוטי מוהר"ן סי' ד' אות ט'; סי' ז' אות א'; סי' ט' אות ה'.

**ג.** המקור הוא במדרש רבה בראשית פר' טז, ה'.

**ד.** עיין דברים ד, כ, ועוד.

און מען דארף עס אויסקאכן ביז עס שטעלט זיך אויס דאס גאלד באזונדער און די בלאטע באזונדער.

דער אויבערשטער זאגט, 'איך האב ענק נישט סתם ארויסגענומען, נאר אזוי ווי א מענטש וואס איז געווען פארמאכט אין א "כור הברזל", שטארק פארמאכט, ער קען נישט ארויסגיין, עס איז נישטא קיין וועג ארויסצוגיין!' - אזוי איז די תורה מתאר 'גלות מצרים'.

זאגט דער בעל שם[ה], די זעלבע זאך איז געווען וואס דער 'דעת דקדושה' איז געווען אין גלות (ברוחניות).

מצרים האט זיך דאך גערעכנט אמאל מיט זייער 'חכמת מצרים' - עס איז געווען אסאך חכמות חיצוניות דארטן. מען איז געלעגן אונטער דעם 'דעת פרעה', אפילו די וואס האבן געגלויבט אין דעם אויבערשטן, אבער זיי האבן נישט געקענט אריינעמען אין מח אז אלץ וואס טוט זיך אויף דער וועלט - יעדע ריר - אלץ איז פונעם אויבערשטן אליין, דאס האט מען זיך נישט געקענט אריינעמען - אין אזא שרעקליכן גלות איז מען געווען[ו].

---

**ה.** עיין "תולדות יעקב יוסף" סוף פר' וישלח: **שמעתי ממורי כי ענין גלות מצרים היה שחסר מהם הדעת שיֵדעו להכריע שיש בורא אחד**, המחדש בטובו תמיד מעשה בראשית, עד שבא משה, ועל ידי הנסים שעשה נתפרסם בעולם שיש בורא אחד המחדש תמיד, וכו' עיין עוד שם בפנים. ראה גם ספר "אוצר החיים" (קאמארנא) פר' בהר: **שמעתי ממורי** ענין גלות מצרים, **וכן גלות המר הזה** דעיניו כיונים דעבדין אונאה (זוה"ק האזינו דרצ"ג ע"ב) שהרשעים סוברים שהעולם הפקר, ודרך רשעים צלחה, הכל מחסרון הדעת היה, **וגלות מצרים היה שלא ידעו להכריע שיש לעולם בורא אחד מלא כל הארץ כבודו המחדש בטובו בכל יום מעשה בראשית**, עד שבא משה בחינת הדעת, ועל ידי הנסים שעשה נתפרסם בעולם שיש בורא והבורא משגיח בהשגחה פרטיית על כל פרט ופרט ועל כל פסיעה ופסיעה ועל כל דיבור ודיבור, וכו' עיין עוד שם בפנים.

**ו.** עיין ספר 'דורשי יחודך' (פסח ח"א מאמר ג') וז"ל מורינו שליט"א: עס שטייט פון "משנת חסידים" (סדר ליל פסח פ"י אות א') 'כנגד ארבעה בנים דיברה תורה'; דער גאנצער סיפור מיט דעם מבול דארטן, דאס איז אלץ געווען מיט די 'שישים רבוא נשמות ישראל'; נאכער דער 'דור הפלגה', דאס איז אויך געווען מיט די 'שישים רבוא נשמות ישראל'; דערנאך די אנשי סדום, דאס זענען אויך געווען די 'שישים רבוא נשמות ישראל'; אזוי אויך די אלע מצריים וואס [יוסף הצדיק] האט גע'מל'עט האבן אויך געהאט נשמות ישראל, ווייל אז זיי

דאס איז דאך דער היפך התורה; די גאנצע תורה איז דאך אמונה - און אמונה איז אז אלץ איז בהשגחה פרטית![ז]

## אמונה בהשגחה פרטית גם בדבר התלוי בבחירה

עס שטייט פון בעל שם טוב[ח], אפילו א זאך וואס עס איז דא בחירה איז אויך בהשגחה פרטית; ווי קען דאס אבער זיין? זאגט ער - אזוי איז עס, דער אויבערשטער קען מאכן א 'תרתי דסתרי'; מצד אחד קען מען האבן בחירה, ומצד שני טוט זיך נישט קיין זאך אָן דעם אויבערשטן.

א מענטש גיט נישט קיין טראכט אָן קיין כח מלמעלה! אלץ איז פונעם אויבערשטן!

'זיי' זענען אבער געווען אין גלות - ממש זייער דעת איז געווען אין גלות. אט דאס טאקע איז דאך דער ענין פון 'פרעה' וואס דאס איז די אותיות 'הערֹף'. דער "עורף" איז אנטקעגן דעם "דעת" - אנטקעגן דעם דעת אמיתי, דעם דעת דקדושה[ט]. דערפאר זעט מען

---

זענען געשטארבן זענען זיי געבוירן געווארן אין 'זרע יעקב'; אלץ וואס דער תורה רעדט איז פון אידן.

דאס הייסט, נישט אז מיר זענען ארויס פון מצרים, נאר מיר זענען געווען 'מצריים' און מיר זענען געווארן 'אידן'!.

**ז.** עיין רמב"ן הידוע סוף פר' בא, בא"ד וז"ל: **שאין לאדם חלק בתורת משה רבינו עד שנאמין בכל דברינו ומקרינו שכולם נסים אין בהם טבע ומנהגו של עולם**, וכו' עיין שם.

**ח.** עיין בעש"ט עה"ת פר' נח - עמוד התפילה אות ק"ע, ובמקור מים חיים שם אות קס"ב. גם עיין מ"ש בספר לקט אמרי פנינים (קאמארנא) אות ל"א: **אפילו מחשבה קלה הוא בהשגחה**.

**ט.** עיין תולדות יעקב יוסף פר' פקודי אות ג': "הנה זה היה סיבת גלות מצרים שלא ידעו חסרונם כמבואר בכתבי האר"י זלה"ה **כי בגלות מצרים נסתלק הדעת**, וזהו שאמר הכתוב 'וירא ה' כי סר לראות' וכו' יע"ש, לכך היו בגלות אצל **פרעה** בחינת **העורף** מקום השכחה, לכן אמר פרעה לא ידעתי את ה' **היפך הדעת**, עד שנתגלה בעולם בחינת משה שהוא בחינת הדעת, וכו' עיין שם. גם עיין ליקוטי הלכות הל' פדיון פטר חמור ה"ג, אות ו': פרעה ומצרים

ביי כמה וכמה מכות אז משה רבינו האט אלץ געזאגט[י]: "**לְמַעַן תֵּדַע כִּי אֵין כַּה' אֱלֹקֵינוּ**"![יא].

עס שטייט[יב], די מופתים האבן נישט נאר געוויזן דעם מופת, נאר דער מופת האט אויסגעשריגן און געוויזן אז 'אלץ' איז פונעם אויבערשטן! דאס אז דער מופת איז פונעם אויבערשטן - מיט דעם האט מען נאכנישט גענוג דערהערט, נאר דער מופת דערציילט אז אלץ איז "**לְמַעַן תֵּדַע כִּי אֲנִי ה' בְּקֶרֶב הָאָרֶץ**"[יג] - אין דער ארציות, אין דער ערד! אלעס אלעס איז פון השם יתברך![יד]

אט דאס איז די אידישע אמונה![טו]

---

הם בחינת הקשיות הנ"ל, בחינת הסתרת הדעת, בחינת **פרע"ה** אותיות **הער"ף** שהוא **כנגד הדעת**, כי במצרים היה הדעת בגלות על ידי הקשיות והסתרות הידיעה שהתגברו על ידי פרעה ומצרים **ועיקר יציאת מצרים היה שיצא הדעת** ונולד על ידי משה שהוא הדעת כידוע.

**י.** שמות ח', ו'.

**יא.** עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ד, אות ח': וזה היה עיקר גאולת מצרים שעשה ה' יתברך עמנו אז נסים ומופתים גדולים ונוראים מאד מאד אשר לא נשמעו ולא נראו בכל הארץ ובכל הגויים אשר על ידי כל זה נתגלה שיש אלקים שליט בעולמו לעשות בו כרצונו, כי הוא יתברך ברא את העולם יש מאַין ברצונו והוא מנהיג את העולם, ובידו לעשות בעולם כרצונו לשנות הטבע בכל עת לעשות ממים דם, ומדם מים, ומאור חושך, ומחושך אור, וכיוצא בזה בשאר המופתים, אשר **על ידי כולם נתגלה אמונת אמיתת אלקותו יתברך שהוא יתברך חידש הכל ברצונו ועל כן בידו לעשות בכל העולם כרצונו**, כמו שכתוב בכל המופתים: "**למען תדע כי אני ה' בקרב הארץ**", "**למען תדע כי אין כה' אלקינו**", וכיוצא בזה שאר לשונות כאלה הכתובים בכל המופתים. כי כל המופתים היו לגלות אלקותו יתברך שהוא אמונת חידוש העולם, וכו' עיין שם.

**יב.** עיין לעיל הערה ה'.

**יג.** שמות ח', י"ח.

**יד.** כל ענין זה מבואר היטב באריכות ברמב"ן הידוע סוף פר' בא הנ"ל.

**טו.** עיין ליקוטי הלכות הל' משא ומתן ה"ד, אות ג': **באמת רובם ככולם מאמינים במציאת ה' יתברך, אבל עיקר הכפירות שלהם הוא בהשגחה הפרטיות**, וכו'. ושם בהמשך אות ז' בא"ד כתב בזה"ל: אף על פי שהוא יתברך יושב בשמים ומרומם ומנושא מאד מאד מאתנו, אף על פי כן הוא יתברך בעצמו משגיח בהשגחה פרטית על כל דבר שבעולם עד תכלית נקודת המרכז של עולם הגשמי וכל אשר בו. וכמו שכתוב: "מי כה' אלקינו המגביהי לשבת

**שָׂגָה ועבד את המינות**

מען זעט אַן אינטערסאנטע זאך, יעצט גייט דאך ערשט "ברכת החמה". למעשה איז דאך דא צוויי תקופות, עס איז דא "תקופת שמואל", און עס איז דא "תקופת רב אדא". תקופת רב אדא איז מער מדוייק, תקופת שמואל איז א חשבון שטחי.

עס שטייט פון "חזון איש"[טז], משה האט מקבל געווען מסיניביידע תקופות; תקופת "רב אדא" וואס איז מער א מדוייק'דיגע חשבון - אט דאס איז נישט פארן המון-עם אויסצורעכענען, איז דאס האט ער איבערגעגעבן פארן בית דין וואס בכח דעם האבן זיי געוואוסט אלעמאל צו גובה זיין די עדות וואו די לבנה איז, מיט דער גאנצער הילוך המזלות; און תקופת "שמואל" האט מען איבערגעגעבן פארן המון עַם אז זיי זאלן זיך פירן מיט דעם; איי עס איז נישט מדוייק - איז עס נישט מדוייק, אבער דאס איז דער רצון השם.

ברענגט ער אראפ, עס איז דא א ספר "עתים לבינה" - דעם ספר לערנען אלע גדולים, דארטן שטייט די חכמת התכונה און די תקופות ומזלות און חכמת הדקדוק גאר אויף א שטארקן אופן, און נאך אסאך חכמות וואס האט א שייכות צו דער קדושה שטייט דארטן.

זאגט דער חזון איש, עס שטייט אין "עתים לבינה" [דער חזון איש האט עס אויך געלערנט], אז שמואל האט גענומען זיין תקופה פון עפעס אַן אלטע אַסטראָנאָמיע וואו ער האט געהערט דעם חשבון און האט עס גענומען פון דארטן.

---

המשפילי לראות בשמים ובארץ". וזהו עיקר כלליות התורה, כי **הפוגם וכופר איזה כפירה בעלמא בההשגחה הפרטית הוא כופר בכל התורה כולה ויוצא מן הדת והוא הוא האפיקורוס והכופר המוזכר בכל דברי רז"ל** שהוא גרוע ממשומד ומומר לכל התורה כולה. וזה דבר פשוט שאין צריכין לבארו, וכו', עיין עוד שם.

**טז.** עיין חזון איש ראש השנה סי' קל"ח אות ד'.

זאגט ער, דער וואס האט געמאכט דעם "עתים לבינה" איז געווען א 'ירא אלקים', אבער "**שָׁגָה במינות ועבד את המינות בשוגג**" - דאס איז מינות, דאס איז עבודה זרה.

ווייל אלץ וואס שטייט אין חז"ל, אדער האבן זיי עס מקבל געווען איש מפי איש עד משה רבינו, אדער האבן זיי עס משיג געווען ברוח הקודש - בשׁמַים האט מען זיי געגעבן רוח הקודש אז זיי האבן מזכיר געווען די נשכחות וואס איז פארגעסן געווארן פון משה רבינו, און ביידע תקופות איז 'אלו ואלו דברי אלקים חיים'.

"ברכת החמה" קומט טאקע אויס פונקט אין "תקופת שמואל", דאס האט מען אנגענומען - אין כלל ישראל האט מען אנגענומען תקופת שמואל. עס איז דא זאכן וואס מען גייט לפי שיטת רב אדא, און עס איז דא זאכן וואס מען גייט ווי שיטת שמואל.

זעט מען טאקע ווי ווייט עס גייט, כאטש למעשה איז נישט אזוי מדוייק דער חשבון, אבער וויבאלד 'אלו ואלו דברי אלקים', איז דאס דער חשבון, מאכט מען א ברכה "עושה מעשה בראשית"! [לפי חשבון שמואל שטייט די זון ביום הרביעי (בעת ראש המחזור) דעמאלט ווען דער אויבערשטער האט תולה געווען די מאורות - פונקט אנהויב נאכט].

## געמאכט מיט א גרויסן פּאַראַד

עס שטייט[יז], ווען עס איז אויסגעפאלן אז מען האט געדארפט שניידן דעם עומר אום שבת. דעם עומר האט מען דאך געדארפט שניידן דעם ערשטן טאג חול המועד פסח אין דעם טאג וואס מען האט עס מקריב געווען. איז ווען עס איז געווען שבת, פלעגט דווקא קומען א גרויסער המון-עם, און דער כהן וואס האט געשניטן האט געפרעגט, "מַגָל זה" - מיט דער 'מגל' זאל איך שניידן? האט מען אים געזאגט, "יא!", דערנאך האט ער נאכאמאל געפרעגט, "מיט דער

יז. מנחות סה ע"א.

'מגל'?", האט מען אים געזאגט, "יא!" - אזוי האט ער געפרעגט דריי מאל; דערנאך האט ער געפרעגט, "זאל איך שניידן?" - "יא!" – דריי מאל האט ער אזוי געפרעגט, דערנאך האט מען געשניטן.

אזוי פלעגט מען דריי מאל אויסגערופן יעדער זאך וואס ער האט געטון; פארוואס? "**להוציא מלבן של צדוקים**". ווייל חז"ל האבן מקבל געווען אז "ממחרת השבת" מיינט מען ממחרת יום-טוב הראשון של פסח - אפילו אום שבת, און זיי האבן געלייקנט דעם דרש פון אפילו אום שבת, איז 'להוציא מלבן' האט מען געמאכט א גרויסן פאראד.

די זעלבע זאך - ביי דער שמחת בית השואבה; ניסוך המים איז דאך 'הלכה למשה מסיני'[יח] נאר עס האט עפעס א רמז אין דער תורה[יט]. איז די אפיקורסים, די מינים, האבן געלייקנט אין דער מצוה[כ]. דערפאר האט מען געטאנצט א גאנצע נאכט מיט א געוואלדיגע שמחה לכבוד דער מצוה פון ניסוך המים - **'להוציא מלבן של צדוקים'!**

ווייל נאר אזוי, נאר מיט דער קבלת התורה מסיני, נאר דורכדעם ווערט מען מקורב צום בורא עולם - נישט אנדערש! אז נישט ווערט מען נדחה חס ושלום - דער אויבערשטער זאל אפהיטן.

### גלויבן אין דעם יום-טוב

עס גייט דאך אזעלכע הייליגע טעג אין וואס עס דערוועקן זיך אלע הייליגע תיקונים, מיר דארפן דאס ממשיך זיין מיט א גרויסע אמונה אין דער קדושת היום, מען דארף עס איינקויפן מיטן דאווענען, מיט דער יום טוב'דיגע שמונה עשרה, מיט די הגדה, מיט די אלע מצוות החג.

---

**יח.** סוכה לד ע"ב.

**יט.** תענית ב' ע"ב.

**כ.** סוכה מח ע"ב.

מען זעט אַן אינטערסאנטע זאך, עס שטייט אין פרקי אבות[כא]: "**המבזה את המועדות אין לו חלק לעולם הבא!**". וואס איז דאס 'המבזה את המועדות'? זאגט דארט דער ברטנורא - עס איז דאך א חז"ל - אז ער עסט נישט אום יום טוב, אדער ער עסט נישט יום טוב'דיג - ער עסט אום חול המועד אזוי ווי אינמיטן וואך - א וואכנדיגע עסן, ער עסט נישט קיין סעודה חגיגית, איז ער מבזה דעם מועד, איז 'אין לו חלק לעולם הבא'!

צו ווייסט איר דען ווי א מענטש ווערט מקושר צום אויבערשטן מיט דער קדושת הזמן פון חול המועד מיט די סעודות פון חול המועד און מיט דעם וואס מען פארברענגט דעם חול המועד מיט תורה ותפילה?!

דורכדעם וואס ער טוט א מלאכה אין חול המועד, אדער אז ער עסט נישט קיין חגיגין אין חול המועד - ער עסט א פשוט'ע עסן, איז ער מזלזל אין דעם מועד.

א מורא'דיגע זאך!

אויף אזוי ווייט - דאס רעדט מען דאך ערשט אויף חול המועד, נישט נאר יום טוב - נאר אפילו אויף חול המועד!

מען דארף גלויבן אין דער קדושת הזמן![כב]

דאס עצם אמונה וואס מען גלויבט אין דער קדושת הזמן, און מען פירט זיך ווי עס דארף צו זיין מיט תורה מיט תפילה מיט הנהגות ישרות מיט שמחת יום טוב, מיט דעם אליין איז מען ממשיך דער הארה וואס מיט דעם ווערט מען מקושר צום בורא עולם אליין - נישט דורך קיין אנדערע זאך, נאר מיט די תרי"ג מצוות, מיט די דאורייתא'ס ודרבנן'ס וואס מיר האבן מקבל געווען מסיני!

---

**כא.** פ"ג, מי"א.

**כב.** עיין אמרי אמת מה שמביא שם בשם אביו בעל השפת אמת, וזל"ש: אאז"ל אמר על הפסוק: "**והיה אמונת עתיך חוסן ישועות" - שכפי מה שהאדם מאמין בעתים ובזמנים המקודשים כך הם חוסן ישועות**". (ימים ראשונים של פסח - תרפ"ד).

## יעדער נברא שרייט אויס דעם בורא!

דערפאר האט דער הייליגער רבי געלייגט א גרויסן דגוש אויף 'הנהגות פשוטות'[כג], פשוט מקיים וואס עס שטייט, נישט טון וואס מען טאר נישט, בתכלית הפשטות, אָן חכמות, אָן אריינטראכטן[כד].

מען זעט טאקע, דער רבי רעדט אין דער ערשטער תורה אין ליקוטי מוהר"ן פון **"להסתכל בהשכל של כל דבר"**[כה].

למעשה, ווען נישט די אייגענע זוהמה, ווען נישט מען איז אין דעם חושך פון דער וועלט, איז וואס דער מענטש וואלט געזען - זעט ער דעם אויבערשטן; אז מען זעט א פויגל - זעט מען דעם אויבערשטן, און אזוי ביי אלץ וואס מען זעט - יעדע זאך איז אזוי כלליות'דיג![כו]

---

**כג.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"ד, ובעוד הרבה מקומות בספרי רביז"ל, וכמובא גם לקמן.

**כד.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י"ב: כשאדם הולך אחר שכלו וחכמתו, יוכל ליפול בטעותים ומכשולות רבים, ולבוא לידי רעות גדולות, חס ושלום. ויש שקלקלו הרבה, כגון הרשעים הגדולים מאד המפורסמים, שהטעו את העולם, והכל היה על ידי חכמתם ושכלם. **ועיקר היהדות הוא רק לילך בתמימות ובפשיטות, בלי שום חכמות**, וכו' עיין שם.

**כה.** וזל"ש בסי' א' בתחילתו בקיצור (ע"פ קיצור ליקו"מ): **איש הישראלי צריך תמיד להסתכל בהשכל של כל דבר**, ולקשר עצמו אל החכמה והשכל שיש בכל דבר, כדי שיאיר לו השכל שיש בכל דבר להתקרב להשם יתברך על ידי אותו הדבר ... **אי אפשר לזכות אל אור השכל הנ"ל כי אם על ידי בחינת מלכות, דהיינו שיקבל עליו מלכות שמים באמת ובאמונה שלימה**, ויצמצם דעתו ויסלק כל חכמתו לגמרי, כאילו אין לו שום שכל עצמו כלל, וימאס בכל החכמות והשכליות חיצוניות, ויצפה ויכסף וישתוקק רק לקבל אור וחיות מהשכל והחכמה אמיתיות, שהוא בחינת השכל העליון דקדושה שהוא עיקר החיות דקדושה שיש בכל דבר כנ"ל.

**כו.** עיין כתר שם טוב, וזל"ש: צריך שיהיה דבוק כל כך, שעיקר ראייתו יהיה בבורא יתברך שמו, **ולא שתהיה עיקר ראייתו בעולם ואגב בבורא, לא כן, אלא עיקר ראייתו תהיה בבורא יתברך שמו**, כי אין אדם יכול לעשות שום תנועה בלא שפעו וחיותו. גם עיין "ליקוטים יקרים" מש"ש כעי"ז בזה"ל: יכול אדם שהוא דבוק בבורא כראוי, **להשתדל, בכל דבר שהוא רואה, שיהיה נראה שמסתכל על אותו דבר, והוא אינו מסתכל רק על הבורא יתברך**, והעיקר שילך תמיד בשמחה, ובפרט בעת הדביקות, דבלא שמחה אי אפשר להיות דבוק בו יתברך.

יעדער נברא שרייט אויס דעם בורא!

יעדער נברא רופט אויס דעם בורא!

יעדער נברא רופט אויס דעם בורא!

ווען עס זאל ווען שיינען, וואלט מען ממש געזען אזוי ווי עס שטייט[כז]: "**וּתְמֻנַת ה' יַבִּיט**" - וואו ער האט געקוקט האט ער געזען דעם אויבערשטן!

עס איז טאקע אזוי, וואס נאר מען זעט – אז מען זעט א בוים – דאס איז דאך א דבר נפלא מאד - פון א הארטע האלץ וואקסט ארויס אזעלכע גוטע פירות מיט בלעטלעך, פריש, מיט ריח, מיט טעם [- דער רבי זאגט דאך[כח], מָטָ"ר מאכט, מ'ראה ט'עם ר'יח], און עס קומט ארויס פון דער ערד, פארוואס? ווייל מען האט 'אמאל' אריינגעלייגט דארטן א קערעלע - גיט עס אלע יארן ארויס...

דאס איז דאך פלאי פלאות!

יעדע זאך רופט אויס - אזוי ווי עס שטייט[כט]: "**וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף עֲשִׂיתִיו**" - אלץ וואס דער אויבערשטער האט באשאפן האט ער באשאפן 'לכבודו'!

### הערן עתידות פון די קלאפן פון די פערד...

אט די זאך טאקע וואס דער רבי זאגט "להסתכל בהשכל של כל דבר", דאס גייט אויף יעדער זאך - ביי סיי וואס עס טוט זיך זעט מען פלאות - פלאות ממש! אז דער מח שיינט, איז מען מקושר צום אויבערשטן מיט יעדער זאך!

דער קאמארנער זאגט, דער בעל שם טוב פלעגט כסדר רעדן פון די אמונה אז אלע פרטים ופרטי פרטים עד הסוף איז אלץ פון השם

---

**כז.** במדבר יב, ח'.

**כח.** ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א', אות י"ב.

**כט.** ישעי' מג, ז'.

יתברך. זאגט ער, ווען די פערד און וועגענער פלעגן לויפן - עס קלאפט דאך אזוי און עס קריצט און עס רעש'ט אזוי גאר שטארק, האט דער בעל שם געגלויבט אז יעדעס קלאפ און יעדעס קריץ, אלץ איז בהשגחה פרטית פונעם אויבערשטן אליין!

זאגט ער, און אז ער האט געהאט אזא שטארקע אמונה, האט ער אנגעהויבן צו הערן פון דארט עתידות...[ל]

ווייל אז מען האט אמונה, הויבט מען אָן צו הערן די פנימיות הבריאה! עס איז דאך אלץ פונעם אויבערשטן! א פערד קען דען גיין אליין? א פערד קען דען קלאפן אליין? דאס איז דאך אלץ פונעם אויבערשטן! ממילא האט ער ממש געהערט עתידות פון דארט.

## ההשגות בעולם הבא - כפי אמונתו בעולם הזה

טאקע אט די זאך פון "להסתכל בהשֵׂכל שבכל דבר", זאגט דער רבי, הויבט מען נישט אָן מיט שכל, דער שכל איז דאך מעורב מיטן "להט החרב המתהפכת", עס איז 'מעורב טוב ורע', נאר אנהויבן הויבט מען אָן מיט 'מלכות'. 'מלכות' - זאגט רבי נתן אין "ליקוטי הלכות"[לא] - איז 'אמונה מיט תמימות'!

---

**ל.** עיין "לקט אמרי פנינים" (קאמארנא) אות כ"ה: לפעמים שומע מקול גוי בשוק - מה שצריך לו לתיקון נפשו לשעתו; **אפילו מהכאות פרסות רגלי סוסים ומכל שכן רגלי אדם יבין אדם עתידות.** וכן כשרואה דבר מכוער או שומע, על הכל ישים דעתו ולבו לשוב בתשובה, ולתקן את אשר עותו. **כללו של דבר, אין לך ענין קטן וגדול בלתי השגחות המשגיח.**

**לא.** עיין שם הל' פקדון ה"ד, אות כ"א: באמת ענין זה לקשר החיצוניות אל הפנימיות, דהיינו להסתכל בכל דבר על השכל האמת שיש בו ולהתקרב על ידי כל הדברים לה' יתברך, זה הענין הוא גבוה ונעלם מאד מבני אדם ואי אפשר לזכות לזה כי אם על ידי התורה הקדושה אשר על ידה מכניעין היצר הרע ומגבירין היצר הטוב על היצר הרע שעל ידי זה מתגבר בחינת מלכות קדושה שהיא בחינת הצמצום שעל ידי זה דייקא יכולין להשיג השכל הנ"ל. וכל אחד כפי מה שמשבר תאות לבו כמו כן זוכה לזה השכל. ואפילו מי שמשבר התאוות צריך ליזהר שיהיה לו צמצום בשכלו שלא יהרס הגבול להסתכל במה שאין לו רשות, מכל שכן מי שמשוקע עדיין בתאוות שצריך בודאי לצמצם שכלו שלא יהרס לידע

וואס מער מען גלויבט - זעט מען מער, שיינט מערער דער שכל!

דער רמב"ן ברענגט אראפ[לב]: **"א מענטש וועט נישט משיג זיין לעתיד מער פון וויפיל ער האט געגלויבט דא אויף דער וועלט!"**.

וויפיל מען האט געגלויבט אין גדלות הבורא אויף דער וועלט - אט דאס איז א שכל עולם - און אט דאס וועט מען משיג זיין מיט א שכל נפלא לעתיד מערער!

דער וואס האט געהאט אמונה מערער, וועט ער משיג זיין מערער; האט ער נישט געהאט אמונה מערער, וועט ער נישט משיג זיין נאר כפי וואס מען האט געגלויבט! אט דאס איז די כלי צו מקבל זיין!

דער גאנצער תכלית הבריאה וואס דאס איז 'קרבת אלקים', וואס **"עַיִן לֹא רָאָתָה אֱלֹקִים זוּלָתְךָ"**[לג], איז נאר מיט אמונה און תמימות[לד], אט דאס איז די כלי, נאר דאס איז די כלי, מצוות מעשיות, לימוד

---

יותר מהראוי לו לפי מדריגתו. **על כן עיקר החכמה והשכל האמת הוא האמונה** שהיא כלל התורה כמו שכתוב, "כל מצוותיך אמונה", היינו שצריכים להתנהג בכל דבר על פי התורה הקדושה. **וכשמסתכל באיזה דבר יֵדע ויאמין באמונה שלימה שבודאי יש בזה הדבר שֵׂכל גדול ויכולין להכיר בזה הדבר גדולת הבורא יתברך ולהתקרב על ידי זה לה' יתברך**. ואם יזכה לידע ולהבין בזה איזה שכל הנוגע לעבודת ה' יתברך - מה טוב, **ואם לאו - יצמצם שכלו ויסמוך על אמונה** עד שיזכה שיזכך גופו כראוי אז יזכה להבין כראוי לו, וכו'.

**לב.** עיין "מאמר על פנימיות התורה" להרמב"ן.

**לג.** ישעי' סד, ג'.

**לד.** עיין אוסף אמרים (אמונה ותפלה שער ראשון מאמר ג') וז"ל מורינו שליט"א: קרבת אלקים הוא תענוג כזה שאי אפשר להבינו ולהשיגו בעולם הזה, והוא תענוג עד אין קץ ואין תכלית, וזה תכלית הבריאה, וכמאמר רבינו בהתחלת התורה (סי' ס"ד), שזו היתה תכלית הבריאה – שהקב"ה מחמת רחמנותו ורצונו להיטיב עם ברואיו ברא את העולם, והמנוחה הזאת של השגת זיו השכינה ולהתענד עליה, היא תכלית הטוב ותכלית המנוחה.
והנה ברמח"ל מובאת סתירה לענין מטרת הבריאה, כי במקום אחד (בזה"ק) כתוב שהבריאה היא 'בגין דישתמודעון ליה' – שידעו מבורא העולם, ואילו כאן (סי' ס"ד) מביא רבינו (מכתבי האריז"ל) שמחמת רחמנותו להיטיב עם ברואיו ברא את העולם. אולם לפי האמת הוא ענין אחד ממש: שהקב"ה עצמו הוא הטוב והוא הרחמנות עצמה, וזה מה שמכירים את בורא העולם ויודעים ממנו ודבקים ברזא דאחד, זהו הגן-עדן, וזהו הנועם וזהו הרחמנות האמיתית. כי אין דבר מתוק ונעים יותר מכך שהנברא דבוק בבוראו ויש לו את המקום הראוי בבורא,

התורה, סור מרע ועשה טוב, דאס זענען די כלים, נאר דאס זענען די כלים[לה].

## על ידי אמונתו בַּצדיק מקבל אמונה שלו

דער רבי ברענגט אראפ אין איינע פון די תורות[לו] דעם חז"ל[לז]; עס שטייט: **"אוֹר יְקָרוֹת וְקִפָּאוֹן"**; זאגט די גמרא, "אור יקרות" - דער 'אור' וואס איז 'יקר' בעולם הזה. דאס הייסט, אז א מענטש איז זוכה אז ער האט רוח הקודש, צו ער האט א הייליגן מח, ער שפירט דעם אויבערשטן, ער שפירט די פנימיות הקדושה - אט דאס איז זייער טייער אויף דער וועלט, עס זענען פארהאן זייער ווייניג דא וואס זענען דאס משיג, און אפילו די וואס זענען עס משיג זענען עס נאר משיג וויפיל מען קען עס משיג זיין דא אויף דער וועלט כל אחד כפי וואס ער האט זיך מזכך געווען.

און "קפאון" - דאס איז אזוי ווי מען זאגט - א גרינגע זאך, וואס אז מעןווארפט עס אריין אין וואסער שווימט עס ארויף.

זאגט די גמרא, דער "אור" וואס איז טייער אויף דער וועלט, איז לעתיד וועט זיין אזעלכע השגות, אז דאס וועט זיין ממש א קלייניקייט אנטקעגן די השגות וואס וועט דעמאלטס זיין!

---

ויש לו את זיו השכינה – כפי כליו לקבל, כפי תורתו ועבודתו ותפילותיו, כאשר הם מסודרים על מקומם הנכון זו היא המנוחה האמיתית.

**לה.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י"ט: **אצלנו עיקר השגת התכלית הוא רק על ידי אמונה ומצוות מעשיות, לעבוד השם על פי התורה בתמימות ובפשיטות. ועל ידי זה בעצמו זוכין למה שזוכין 'עין לא ראתה'**, וכו'.

**לו.** ליקוטי מוהר"ן סי' ו' אות ג'.

**לז.** פסחים נ' ע"א: **"והיה ביום ההוא לא יהיה אור יקרות וקפאון"** (זכרי' יד, ו). מאי יקרות וקפאון? אמר רבי אלעזר, זה **אור שיקר בעולם הזה וקפוי לעולם הבא**. וברש"י שם פירש: אור שיקר בעולם הזה - כשחמה מאירה בגבורתה, ואורה גדול, אותו אור חשוב ויקר שלה, יהא קפוי וקל לעולם הבא. **כל דבר קל קרי קפוי צף על המים**, 'ויצף הברזל' מתרגמינן 'וקפא פרזלא' (מלכים ב ו).

קומט אויס, קרבת אלקים, זיו השכינה, איז גאר טייער! 'קרבת אלקים' - טאמער האט מען נישט געטון קיין מצוות און מעשים טובים פון 'סור מרע ועשה טוב' דא, וועט מען עס נישט האבן בשום אופן שבעולם לעתיד!

השגות און זיו השכינה באקריגט מען נישט אומזיסט...

היינט איז השגות אלקות טייער, זייער טייער, וויפיל האבן דען השגות אלקות?!

דערפאר טאקע, דאס איז דאך דער גאנצער ענין פון "התקשרות לצדיק". ווייל יעדער ווייסט דאך ווי זיין מח איז קליין, אבער אז ער גלויבט אין דעם צדיק, וואס דער צדיק האט געגלויבט אין תורה שבכתב, דער צדיק האט געגלויבט אין תורה שבעל פה, דעם צדיק האט געשיינט יעדן אות אין דער תורה ווי ווייט יעדער דיבור איז פול מיט אורות, עס האט דאך נישט קיין גבול וויפיל די צדיקים האבן משיג געווען דאס גרויסקייט פון דעם אויבערשטן; איז אז מען האט אמונת צדיקים - האט מען זייער אמונה![לח]

על-כל-פנים, וואס איז יא ביליג דא אויף דער וועלט? 'אורות' איז היינט זייער טייער, עס זענען פאראן זייער ווינציג מענטשן וואס זאלן האבן השגות מיט אורות; וואס איז יא ביליג? 'כלים', כלים! גמרא, משניות, תהלים, ימים-טובים, מצוות, אט דאס איז ביליג, דאס איז ביליג! **וואס מער מען קען דאס ארייינכאפן אויף דער וועלט - אט דאס זענען כלים אויף לעבן לעולמי עד ולנצח נצחים מיט א דביקות אין אויבערשטן לעתיד לבוא!**

---

**לח.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קכ"ט (מליקוטי עצות): האמונה לבדה שמאמין בהצדיק ומקרב עצמו אליו אפילו אם לא יקבל ממנו כלל, זה בעצמו טוב מאד, כי **על ידי האמונה וההתקרבות לבד** נאכל הרע שלו **ונתהפך למהות הצדיק**, ובלבד שיהיה כוונתו לשמים. גם עיין שם סי' כ"ב, ובתניינא סי' ח' ובעוד מקומות שם, שעיקר האמונה מקבלין ע"י התקרבות לצדיקים. גם עיין כוכבי אור - שיחות וסיפורים אות י"ז מה שמבאר לפי זה ענין השמחה והדביקות בצדיקים ביומי דהילולא דילהון - עיין שם.

## "אזוי האט אים געשיינט 'כל התורה כולה'!"

עס האט מיר דערציילט אמאל ר' משה'לע פריעדמאן ע"ה[לט]; עס איז געווען א ברסלב'ער חסיד וואס האט געבויעט דער שול אין "שערי חסד" (- שכונה בירושלים), ער האט געהייסן ר' יום טוב זלוטניק[מ], איז ער געזעצן אמאל און געלערנט דער ערשטער תורה אין ליקוטי מוהר"ן[מא].

---

**לט.** ה"ה **הרה"ח רבי רפאל משה אליעזר** ב"ר ברוך בצלאל **פריעדמאן זצ"ל**, נולד בשנת תרפ"ד לאביו שהיה מגזע של חשובי הלומדים בירושלים העתיקה, התקרב לרביז"ל בהיותו בימי ניעוריו ע"י הרה"ח רבי יום טוב זצ"ל והי' נמנה מבני חבורתו, וגם התקרב אז הצדיק הנודע רבי שמואל שפירא זצ"ל והיו הולכים ביחד בימי בחרותם ל'פעלד' להתבודדות ולתפילות, כל ימיו היה עובד ה' בפשיטות בלי שום תפקיד ומעמד וכיו"ב, ולמד כל ימיו בכולל, ולא היה לו בעולמו אלא עבודת ה' בפשיטות ובשילוב של לימוד התמדת ויגיעת התורה, הרבה עסק לשמח יהודים ולהחיות אותם בכל מיני אופנים, הקים משפחה של ברסלב'ע חסידים לשם ולתפארת, ובמיוחד השאיר אחריו בנו ידידינו ספרא דמורינו שליט"א ה"ה הרה"ח רבי בצלאל ברוך בן צפורה פריעדמאן שליט"א, נלב"ע כ"ט אייר תשס"ח לפ"ק ומנו"כ בהר המנוחות ירושלים עיה"ק תובב"א.

**מ.** ה"ה **הרה"ח רבי יום טוב** ב"ר יחיאל מיכל **זלוטניק זצ"ל**, נולד בבית מתנגדים, והי' מן הלמדנים הגדולים בישיבת עץ חיים, נתקרב בשנות התר"צ ע"י שראה האיך אחד מאנ"ש הרה"ח ר' משה רוזנטל זצ"ל אברך ליטאי מתפלל בהתלהבות ובדביקות עצומה, היה מבקש ה', ונרדף על ידי משפחתו ומכיריו על התקרבותו, אך דבק בדרך רביז"ל בכל עוז ותעצומות, ומיום שטעם מן האור כי טוב השתוקק להטעימו גם לאחרים, היה בונה ומיקם בית המדרש הנקרא על שם הצדיק בשכונת 'שערי חסד' בעיר העתיקה בכפי ידיו, כי בעת ההוא כששלטו הבריטים בא"י היה כמעט בלתי אפשרי להשיג רישיון לבניה, ועשה משמורות בלילה ביחד עם בני הנעורים לבניית הביהמ"ד, ורבים מבני השכונה התקרבו על ידו, לא רצה ליהנות מכתרה של תורה ע"כ פתח חנות יין, וגם בעת מכירת היין לא פסיק פומיה מגירסא, ובכ"ז היה ממלמל בפיו, היו אנשים חילוניים שבאו לקנות יין דיבר עמם בדברים שבקדושה והתחזקות ועי"ז נעשו רבות מהם בעלי תשובה גמורים, בסוף ימיו התייסר ביסורים קשים ומרים, וכששכב על ערש דוי שר 'עוז והדר לבושה ותשחק ליום אחרון', השאיר אחריו דור ישרים ומבורכים, נלב"ע בדמי ימיו בהיותו בן שלושים וארבע, ביום כ"ו סיון שנת תש"ג לפ"ק, בעודו שאג מנהמת לבו וקולו צרוד: דער רבי, דער רבי... ומנו"כ בהר הזיתים ירושלים עיה"ק תובב"א.

**מא.** וזל"ש הנוגע לענינינו: וזה בחינת **חי"ת** לשון חיות. כי החכמה והשכל הוא החיות של כל דבר, כמו שכתוב (קהלת ז): "החכמה תחיה" וכו'. אך מחמת שאור השכל גדול מאד, אי אפשר לזכות אליו כי אם על ידי בחינת **נון** שהוא בחינת **מלכות**, כמו שכתוב (תהלים ע"ב):

דארט רעדט דער רבי ארום וועגן דעם אות נ, אז דער נ דאס איז תמימות, פשיטות, מלכות - מלכות שמים, אמונה, וואס דורכדעם איז מען זוכה צו דעם אות ח - אז עס זאל שיינען דער 'שֵׂכל שבכל דבר', עס זאל שיינען דאס רוחניות וואס דאס איז דער חיות פון יעדער זאך; די השגות אלקות וואס מען האט פון יעדער זאך אט דאס איז מחיה יעדער זאך.

זאגט דארט דער רבי, דורכדעם וואס מען האט תמימות - און חכמה דקדושה וואס מען איז זוכה דורך תמימות - איז מען זוכה אז ווען מען רעדט צום אויבערשטן האט מען חן און עס ווערן אנגענומען די תפילות, עס ווערט אנגענומען די דיבורים.

זאגט דער רבי, ווי איז מען זוכה צו מקשר זיין דער מלכות מיטן שכל? זאגט דער רבי, דורך לימוד התורה.

נאכדעם טייטשט דער רבי: "**דִּבְרֵי חֲכָמִים**" - די ווערטער פון די חכמים וואס זיי רעדן צום אויבערשטן, וואס זיי זענען חכמים ווייל

---

"לפני שמש ינון שמו", ופרש רש"י: 'לשון מלכות' ... וצריך כל אחד ליתן כח לבחינת מלכות דקדושה להתגבר על מלכות דסטרא אחרא ... ועל **ידי מה נותן כח למלכות דקדשה? על ידי התורה** שהוא עוסק בכח ... ואזי מקבלת המלכות, שהיא בחינת נ, חיות מן החכמה, שהיא בחינת ח, ונתחבר **ונתקשר הח' והנ'** ... ועל ידי זה נתקבלים כל התפילות והבקשות, כי עיקר מה שאין נתקבלין הבקשות הוא מחמת שאין להדברים חן, ואין נכנסין בלב של זה שמבקשין ממנו, כאילו אין בלבו מקום שיכנסו הדברים בלבו, מחמת שאין להמבקש חן, שיכנסו הדברים בלבו של זה, שמבקשין ממנו. אבל על ידי התורה, שעל ידי זה נתחברין **ונתקשרין הנ' והח'** כנ"ל, ונעשה **חֵ"ן**, ועל כן נקראת התורה (משלי ה): "יעלת חן", ואזי זוכה שדבריו הם דברי חן, ואזי נתקבלין דבריו ובקשותיו, כמו מי שמדבר דברי חן, שנכנסין הדברים בלב המתבקש, דהיינו זה שמבקשין ממנו. וזה בחינת **ת.** היינו על ידי שנתחברו ונתקשרו החי"ת והנו"ן ונעשה בחינת ח"ן על ידי זה נעשה בחינת ת"ו, שהוא לשון חקיקה ורשימה, כמו שכתוב (יחזקאל י"ט): "והתוית ת"ו", כי על ידי החן נחקק ונרשם מקום בלב המתבקש לקבל הבקשה, כי על ידי החן נתקבלו דבריו. נמצא, שבחינת הח"ן חקק מקום בלב זה שמבקשין ממנו, כדי שיכנסו דבריו בלבו, ויקבל בקשתו. והחקיקה ורשימה זה בחינת ת"ו כנ"ל וזהו (קהלת ט): "**דברי חכמים בנחת נשמעים**". **נחת** דייקא, היינו בחינת חן הנ"ל והת' הנ"ל, ועל ידי זה נעשה אותיות **נַחַ"ת**, ואז נשמעים דבריו, ונתקבל בקשתו כנ"ל.

זיי זענען עוסק בתורה, ווערט אנגענומען, ווי אזוי? **"בְּנַחַ"ת נִשְׁמָעִים"** - דורך דער בחינה פון: נ' ח' ת'.

אזוי האט ער דאס ארומגערעדט, עס איז געווען אזוי געשמאק, מען האט געהערט ווי עס טייטשט זיך איין אין דעם פסוק: "דברי חכמים בנח"ת נשמעים" - דאס איז נו"ן חי"ת תי"ו. "דברי" איז תפילה, "חכמים" איז תורה, "בנח"ת נשמעים" - ווייל דורכדעם איז 'נתקבלים כל התפילות וכל הבקשות'.

האט ער אויסגעפירט: **"און אזוי האט דעם רבי'ן געשיינט כל התורה כולה!"**[מב].

## 'כי תורה חדשה מאתי תצא'

עס שטייט פון בעל שם טוב[מג]; עס איז דא א פסוק: **"כִּי תוֹרָה מֵאִתִּי תֵצֵא"** - אזא פסוק איז דא. זאגט דער מדרש: 'כי תורה **חדשה** מאתי תצא'. פרעגט דער בעל שם, ווי קען זיין אזא זאך, לכאורה 'זאת התורה לא תהא מוחלפת', וואס הייסט עס וועט זיין א תורה 'חדשה' חס ושלום?

זאגט דער בעל שם, לעתיד וועט מען ווי 'תורה חדשה **מאתי** תצא' - עס וועט נתגלה ווערן אז די גאנצע תורה רעדט פון אויבערשטן,

---

**מב.** עיין שבחי מוהר"ן, אות ז': כל התורה כולה היתה מוכנת לפניו ושגור בפיו כשולחן הערוך ממש, כדבר המונח לפני האדם לפני עיניו שיכול ליקח לעצמו מה שירצה, כן ממש היו כל הספרים הקדושים מוכנים לפני עיני שִׂכלו הקדוש בכל עת שרצה. וקצת מזה יכולים לראות ולהבין בספריו הקדושים.

**מג.** נדפס בכתר שם טוב דף ז' ע"ד: "וזהו שאמרו (במדרש ויקרא רבתי פי"ג סי' ז' ע"פ הפסוק בישעי' נא, ד) **לעתיד לבא 'תורה חדשה מאתי תצא'. וקשה הא לא יחליף האל ולא ימיר דתו? אלא שיפרש הסודות שבה, ושדיבר הכל מן שמות הש"י ומבנין עולמות העליונים"**. גם מובא שם בח"ב דף כ"ד ע"א, וז"ל: "לפי שעתה נתלבשה התורה בסיפורי מעשיות כגון דלבן ובלעם, ולעתיד לבא יפרש איך דיבר הכל מאתו ית"ש, ומבנין עולמות העליונים והתחתונים, **וזהו שאמר 'תורה חדשה מאתי תצא', היינו שאפרש לכם הפירוש איך הכל מדבר מאתי"**.

עס רעדט הויכע ענינים, השגות מופלאות, דברים נפלאים, מורא'דיגע זיו השכינה, אין אט 'דער' זעלבער תורה, נאר עס וועט נתגלה ווערן די פנימיות התורה, אבער דאס איז די זעלבע תורה.

אוודאי האט שוין משה רבינו געוואוסט די אלע פנימיות התורה, נאר לעתיד וועט ווערן באנייט דער תורה אז אלע וועלן זען אז די גאנצע תורה רעדט "מאתי" - עס רעדט פון דעם אויבערשטן!

## תמימות גבוה מן הכל!

ממילא, מען דארף טאקע וויסן, עס איז נישטא קיין אנדער דרך צו קרבת אלקים - נאר דורך מצות, דורך אכילת מצה, דורך אכילת מרור, מיט סיפור יציאת מצרים, און אלע הלכות וואס איז נוהג אין פסח פון אכילת מצה, מיט דער איסור חמץ, אלעס אלעס, דאס איז בפשטות כלים נפלאים וגבוהים וואס זענען למעלה מהכל!

אין תמימות ליגט די העכסטע זאכן![מד]

עס איז נישטא בכלל קיין אנדער וועג צו מקורב ווערן צום אויבערשטן![מה]

---

**מד.** עיין שיחות הר"ן אות ק"א: שאין צריכין שום חכמות בעבודת הבורא יתברך רק תמימות ופשיטות ואמונה. ואמר, **שפשיטות הוא גבוה מן הכל! כי השם יתברך ברוך הוא הוא בודאי גבוה מן הכל. והוא יתברך הוא פשוט בתכלית הפשיטות!**

**מה.** עיין כדת נפש משיבת (ואני בתומי אלך) וז"ל מורינו שליט"א: זה השער לה' – השי"ת סגר את כל השערים [כביכול] ואי-אפשר להתקרב אליו כי אם ע"י תמימות - אין דרך אחרת.

ואם ידמה האדם לעצמו שישנה דרך אחרת להתקרב אליו ית', יכול הוא ח"ו לבלות את ימיו ושנותיו בחכמותיו ולהשאר בלא כלום. משל לאדם שנזדמן לו עסק אשר כל הצלחתו וכל חייו תלויים בו. והיה צריך לנסוע אל העיר הגדולה להביא את עסקו לגמר טוב, אך קודם שעלה לרכבת [באן] התפתה ב"חכמתו" לאמר: "וכי איך אסע כבער וטיפש מבלי לדעת איך והיכן נבנית הרכבת, מה מניע אותה מה סוד פעולתה וכו', הבה אלמד ואדע זאת קודם ואח"כ אסע". הנה ברור שאדם כזה יוכל לשקוע בחקירותיו וחכמותיו ולבלות כמה וכמה ימים ושנים עד שישכח לאן היו פניו מועדות, וכל העסק אשר חייו והצלחתו תלויים בו ירד לטמיון ואבדון.

## זיך אנהאלטן אין דעם בענדל

אין "ראשית חכמה"[מו] ברענגט ער אראפ (א משל) פון חז"ל, אסאך מענטשן זענען געפארן אויף א שיף און איינער איז אריינגעפאלן אין יַם, האט דער רב החובל (- קאפיטאן) גענומען א לאנגער שטריק און ער האט עס אים אריינגעווארפן און אים געזאגט: **"אחוֹז בחבל הזה"** - אז דו וועסט זיך האלטן אין דעם חבל, **"יש לך חיים"** - וועט מען דיר ארויפשלעפן צוריק, אבער טאמער וועסטו זיך נישט האלטן אין דעם חבל, **"אין לך חיים"**.

זאגט ער, דאס איז די מצוות השם וואס זענען מלובש אין "עולם שנה נפש" פון די גשמיות'דיגע זאכן, אין תורה ותפילה, אין דיבור ומחשבה, אין די ימים טובים, אין 'סור מרע ועשה טוב', אט דאס איז דער חבל וואס קומט פונעם אויבערשטן אליין, וואס ווער עס האלט זיך אָן ביי דעם חבל - וואס דאס איז די פשוט'ע גשמיות'דיגע תורה ומצות - 'יש לו חיים'!

ווייל דו ביזט מקושר דורכדעם צום 'חי החיים'!

מיט דעם וועט מען לעבן ווי 'חי החיים'![מז]

---

כן הדבר ממש בדרכי העבודה, כאשר יבקש האדם להתחכם ע"י שכלו וחכמתו, יוכל לבלות כל ימיו ולשכוח לגמרי את תפקידו וייעודו בעולם. וע"ז אמר דהע"ה: "אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת ה'", אשרי הזוכים לאחוז בדרכי התמימות, כי המה הם הזוכים ללכת בתורת ה'.

**מו.** פרק המצוות, בהקדמה, בביאור הפסוק "כי חיים הם למוצאיהם ולכל בשרו מרפא", וז"ל: כדגרסינן בתנחומא (שלח טו), "הַחֲזֵק בַּמּוּסָר אַל תֶּרֶף נִצְּרֶהָ כִּי הִיא חַיֶּיךָ" (שם ד יג) משל למי שהיה מושלך בים והושיט הקברניט את החבל ואמר ליה, **אחוז החבל הזה ואל תניחהו שאם הנחתו אין לך חיים**, כך אמר הקדוש ברוך הוא, כל זמן שאתם מדובקים במצוות - אתם חיים, שנאמר (דברים ד כ), "ואתם הדבקים" וגו'.

**מז.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' כ"א, אות י"א: חיים נצחיים הם רק להשם יתברך, כי הוא חי לנצח. ומי שנכלל בשרשו, דהיינו בו יתברך, הוא גם כן חי לנצח, כי מאחר שהוא נכלל באחד והוא אחד עם השם יתברך, הוא חי חיים נצחיים כמו השם יתברך.

**או יהודי או תלוי!**

ברוך השם, מען דארף דאנקען דעם אויבערשטן, 'זכאה חולקיה דישראל', עס איז איבערגעגאנגען אויף אידן אזויפיל, עס האט זיך שוין אפגעקאכט ביי אידן אזויפיל - און מיר זענען געבליבן אידן מאמינים וואס מיר ווייסן פון דער תורה הקדושה!

עס איז דא א ספר "שבט יהודה"[מח] פון עפעס א שטיקל קדמון, [דאכט זיך דער ["באר היטב"] זאגט מען זאל עס לערנען[מט]], ער באשרייבט דארט זעקס און דרייסיג גזירות וואס ער האט מקבל געווען, צו געליינט, צו געזען, צו געהערט - זעקס און דרייסיג גזירות וואס איז געווען ביי אידן - און ער האט עס אפגעלערנט און באשריבן. און זינט דעמאלטס איז שוין געווען מער ווי זעקס און דרייסיג גזירות... דער אויבערשטער זאל אפהיטן.

גיט נאר א קוק דארטן וואספארא ווינטן עס האבן געוואלט פארלעשן דעם אידישן פונק ברוחניות ובגשמיות - איום ונורא! די סטרא אחרא רוהט נישט! **אבער דעם אויבערשטנ'ס זאך איז, אידן זאלן זיך האלטן אייביג אין אויבערשטן!**

די סטרא אחרא האט איבערגעקערט דער וועלט אויף דעם, וואספארא קלעפ מען האט געכאפט ברוחניות ובגשמיות - ממש - - און ווען מען לערנט דארטן זעט מען אז מען אלע זענען געבליבן אידן 'ברוך השם'!

"כל התורה המצויה עתה בידינו היא הנתונה למשה רבינו עליו השלום!"

מען האלט זיך אין השם יתברך!

---

**מח.** לר' שלמה אבן וירגא. חי בתקופת גירוש ספרד.

**מט.** עיין באר היטב או"ח סי' ש"ז שם ובמשנה ברורה שם אות נ"ח: ואין בכלל זה יוסיפון וספר יוחסין ודברי הימים של ר"י כהן **ושבט יהודה שמהם ילמדו דברי מוסר ויראה.**

מען דארף טאקע וויסן, **דער אויבערשטער האט זיך טאקע גארנישט גענארט מיט אונז, גארנישט גענארט!**

עס איז דא א מדרש[נ] אויפן פסוק; **"וְהִנֵּה עַם קְשֵׁה עֹרֶף הוּא"**. זאגט דער מדרש: שמא תאמר דער 'כי עם קשה עורף' איז 'לגנאי'? ניין, עס איז א 'שבח'! א שבח! אידן זענען אַן 'עם קשה עורף'!

ביי אידן פלעגט מען זאגן אמאל: **"או יהודי, או תלוי"** - אדער איז מען א איד, אדער זאל מען הענגען! עס איז נישטא 'אויס' איד!

אידן זענען בייגעשטאנען מורא'דיגע נסיונות, מען האט געוויזן אזעלכע עקשנות דקדושה אלס 'עם קשה עורף' דקדושה וואס קיין איין אומה וואלט עס נישט באוויזן![נא]

## "וְעוֹד מְעַט - וְאֵין רָשָׁע"

יעדער איינער דארף טאקע וויסן, אזוי ווי מען דארף גלויבן אין גאנץ כלל ישראל, דארף מען גלויבן אין זיך - ווי חשוב

---

**נ.** שמות רבה פר' מ"ב פס' ט': "מהו "והנה עם קשה עורף הוא"? ... אמר ר' יצחק בר רדיפא בשם ר' אמי, **אתה סבור שהוא לגנאי, ואינו אלא לשבחן, או יהודי או צלוב.** א"ר אבין, **עד עכשיו קורין את ישראל בחוצה לארץ האומה של קשה עורף.**

**נא.** עיין ישמח משה פר' אמר, ד"ה 'במדרש שור או כשב', וז"ל: "על פי מ"ש בחן טוב (פרשת תשא דף קצ"ד) **בשם חכמי קאשטיליא** על הפסוק (שם שמות לד ט) 'ילך נא ה' בקרבינו כי עם קשה עורף הוא', וז"ל בקצרה, שאמר משה להקב"ה למה יחרה אפך בעמך (שם שמות לב יא), ואם מפני קושוי ערפם ועודם מחזיקים בהטומאה שהורגלו במצרים, **הלא אדרבה זו טענה חזקה לקרבם אליך, כיון שטבעם קשה עורף וחזקים להפוך פניהם מדבר שהורגלו, כמו כן יהיו עם קשה עורף שלא ימירון, אזי אחר שיורגלו עבודתך ויהיו חזקים באמונתם ולא ישיבו מפני כל.** וזה שאמר משה רבינו ע"ה ילך נא ה' בקרבנו, כיון שעם קשה עורף הוא כנ"ל, עכ"ל. **ונמצא הוי מליצה לזכות**", עכלה"ק של בעל ה'ישמח משה' זי"ע. גם עיין מה שכתב החתם סופר לבאר בזה (שמות לד, ט [תקצ"ז]): "ויאמר אם נא וגו' **כי עם קשה עורף הוא וסלחת לעונינו**". וקשה, הא עם קשה עורף היה טענת הקב"ה "כי לא אעלה בקרבך כי עם קשה עורף אתה פן אכלך"? אמנם ידוע כי עזין שבאומות, ישראל, **כי עם קשה עורף הוא, ועומדים נגד ע' אומות, וסבלנו שמד הרג ואבד, וכל הרוחות לא הזיזונו ממקום השי"ת שמו** וכו' וכו' - עיין שם.

עס איזביים אויבערשטן יעדע 'סור מרע', יעדע סור מרע, יעדן 'עשה טוב'[נב].

כמעט אויף דעם איז געבויט דער גאנצער "אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי"[נג] וואס דאס האט שוין געראטעוועט גוזמאות מיט מענטשן וואס דער בעל דבר האט זיי נישט געלאזט ארויסגיין פון שאול תחתיות ווייל ער האט זיי געוויזן - דו האסט דאך אזויפיל עבירות, אזויפיל חטאים, אזויפיל פשעים, אזויפיל רשעות אפגעטון, וואס איז ווערד דיין דאווענען, וואס איז ווערד דיין לערנען.

דער רבי האט אבער מקבל געווען, אט די נקודת "איד" ווערט קיינמאל נישט פארלאשן!

---

**נב.** עיין ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ה, אות ז': **אם היה האדם מאמין בעצמו** שנשמתו גבוה מאד מאד, כי **אפילו הנשמה של הפחות שבישראל** גבוה מאד ובו תלויין כל העולמות עליונים ותחתונים, **בודאי לא היה עובר שום עבירה** ולא היה פוגם שום פגם ... כי **אנחנו צריכים אמונת חכמים בכל הבחינות** המבוארים שם, **להאמין בצדיקים** אמיתיים **ולהאמין בחבירו ... וביותר צריך להתחזק ולהתגבר להאמין בעצמו**, להאמין שגם מעט עבודתו ועסקו בתורה יקר מאד אצל ה' יתברך, וכו' עיין שם.

**נג.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' רפ"ב, וזל"ש בא"ד: וזה בחינת (תהלים קמ"ו): **"אזמרה לאלקי בעודי". בעודי** דייקא, היינו על ידי בחינת העוד שלי שאני מוצא בעצמי בחינת **'עוד מעט ואין רשע'** כנ"ל, על ידי אותה הנקודה, על ידי זה אוכל לזמר ולהודות לה' כנ"ל. וזהו **"אזמרה"** - אזמרה דייקא היינו זמירות וניגונים שנעשין על ידי שמלקט הנקודות טובות כנ"ל. **והזהיר רביז"ל מאד לילך עם התורה הזאת, כי הוא יסוד גדול לכל מי שרוצה להתקרב להשם יתברך**, ולבל יאבד עולמו לגמרי חס ושלום, כי רוב בני אדם שרחוקים מהשם יתברך, עיקר ריחוקם הוא מחמת מרה שחורה ועצבות, מחמת שנופלים בדעתם, מחמת שרואים בעצמם גודל קלקולם שקלקלו מעשיהם כל אחד כפי מה שיודע בעצמו את נגעי לבבו ומכאוביו, ומחמת זה הם נופלים בדעתם, **ורובן מיאשים עצמן לגמרי**, ועל ידי זה אינם מתפללים בכונה כלל, ואינם עושים אפילו מה שהיו יכולים לעשות עדיין. על כן צריך האדם להשכיל מאד על דבר זה, כי כל הנפילות שבדעתו, **אף על פי שהוא מחמת מעשים רעים שעשה באמת**, עם כל זה, הנפילה שבדעתו, והעצבות והמרה שחורה שנופל עליו על ידי זה, הכל הוא רק מעשי בעל דבר, שמחליש דעתו כדי להפילו לגמרי, חס ושלום. על כן צריכין להתחזק מאד, לילך עם התורה הזאת לחפש ולבקש בעצמו בכל פעם איזה מעט טוב ונקודות טובות וכו' כנ"ל. ועל ידי זה יחיה **וישמח את עצמו**, ויצפה לישועה עדיין, **ויוכל להתפלל** ולזמר ולהודות לה', בבחינת "אזמרה לאלקי בעודי" כנ"ל, **ועל ידי זה יזכה לשוב באמת אל ה'** כנ"ל.

ביים דאווענען דאווגט דיין נקודה וואס איז א איד! קיינער אנדערש דאווגט - נישט די חטאים ופשעים, נאר דער 'חלק אלקי ממעל', "אזמרה לאלקי **בעודי**", דער "**וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע**"[נד] וואס איז דא אין מיר - אט דאס דאווגט! קיין חטאים עוונות ופשעים – קיינער האט דאס נישט רשות מיר צו שטערן![נה]

**ווער עס האט דאס גוט דערהערט איז ארויסגעגאנגען משאול תחתיות ומתחתיו!**[נו]

וואס מער מיר אליין וועלן דאס דערהערן, דאווגט מען מיט א שמחה, ווייל מען ווייסט אז דער אויבערשטער האט א נחת רוח פון יעדער סור מרע, פון יעדן עשה טוב!

אפילו א מעט דמעט, אפילו א נקודה קטנה מאוד איז געוואלדיג חשוב ביי השם יתברך![נז]

## א תיקון איינס אין דער וועלט!

אז דער אויבערשטער העלפט, מען לערנט און מען דאווגט און מען קען מקבל זיין דעם הייליגן יום טוב ווי עס דארף צו זיין,

---

**נד.** תהלים לז, י'. עיין שם בליקו"מ איך רביז"ל מפרשו שם לענינינו.

**נה.** עיין קריאת התורה ה"ו, אות י"ז: **מכל שכן איש הישראלי, אפילו הגרוע שבגרועים, מאחר שעתה כוונתו לשמים ורוצה עתה להניח טלית ותפלין ולהתפלל וכו' שבודאי הוא מגדל ומקדש שמו יתברך מחדש כפי אותו היום, שזאת העבודה אינו יכול להשלים שום מלאך ושרף וכו'. ואפילו נשמות קדושות של ישראל שבגן עדן העליון אינם יכולים להשלים העבודה הזאת.**

**נו.** עיין עלים לתרופה (מכתבי מוהרנ"ת זצוק"ל) במכתב לבנו מיום ה' שלח תקצ"ו, וז"ל: **אם היה יודע האדם** מה שנעשה עמו בכל עת והיכן הוא עומד ואוחז בכל עת, **ואיך גם עתה יקר בעיני הש"י מאד מאד כל תנועה טובה וכו' שנמצא בו**, בוודאי היו הכל רודפים בכל כחם להש"י **והיו הכל צדיקים!**

**נז.** עיין ליקוטי הלכות הל' נזיקין ה"ד, אות ג': **וכל תנועה שמנתק את עצמו מהם כחוט השערה הוא יקר בעיניו יתברך מאד מאד, כי הוא ידע יצרנו וכו, ויודע איך היצר הרע מתגבר על כל אחד ואחד, ועל כן יקר בעיניו יתברך כל תנועה ותנועה אפילו היא כשערה ממש מה שהאדם מושך את עצמו מהסטרא אחרא אל הקדושה.**

פארברענגען דעם יום טוב מיט תורה ותפילה מיט אמונה, מען דרייט זיך נישט אין די גאסן, אזוי ווי עס שטייט[נח]: "**משבח אני את העצלנין ברגל**", מען זיצט און מען איז זיך מתענג מיט דעם יום טוב, מיט די סעודות יום טוב, מיט דער שמחת יום טוב, מיט לימוד התורה אין יום טוב, דאס איז א געוואלדיגער הזדמנות, א מורא'דיגער הזדמנות.

מען דארף וויסן, עס שטייט פון אר"י הקדוש[נט], יעדעס דאווענען פון זינט דער וועלט איז באשאפן געווארן - יעדע תפילה מאכט אזא תיקון וואס האט קיינמאל נישט געקענט זיין אזא תיקון - נאר אין דעם טאג, און מיט אט דעם מענטשן - און עס וועט שוין קיינמאל נישט קענען זיין אזא תיקון - קיינער וועט נישט קענען מער מאכן דעם תיקון!

דאס איז יעדן טאג - **מיט דער זמן, און מיט דעם מענטש אליין, ער מאכט ערשט א תיקון וואס איז נאר איינמאל און איינס אין דער וועלט!**

קומט אויס, יעדעס דאווענען איז א נייער דאווענען, מען בויעט מיט דעם דער בריאה! מען בויעט דער רוחניות'דיגער בריאה, מען בויעט אויף דעם עולם הבא, מען בויעט מיט דעם די תחיית המתים, מען ווערט א שותף להקדוש ברוך הוא במעשה בראשית מיט יעדער מצוה, מיט יעדער תפילה, מיט יעדער עבודה[ס].

---

**נח.** סוכה כז ע"ב.

**נט.** שער הכוונות דרושי סדר 'שבת' דף נ"ט טור א', וז"ל: ולא עוד, אלא גם בכל יום ויום בעצמו אינו דומה תפילת השחר לתפילת המוסף, או לתפלת מנחה או לתפלת ערבית, ולא עוד אלא שבימי החול עצמם יש שנוי גדול בין פלת יום זה, לתפלת יום שלאחריו, ולא ראי זה כראי זה, **'ואין לך שום תפלה מיום שנברא העולם עד סוף העולם שתדמה לחברתה כלל ועיקר'**, עכ"ל. וע"ע בפרי עץ חיים שער התפילה פרק ז'.

**ס.** עיין ספר דורשי יהודך (פסח ח"א מאמר י"ב) מה שמוסיף מורינו שליט"א ע"ז: רבי נתן אין ליקוטי הלכות (בב"ח ה"ד אות א') ניצט דאס דארט אויף דער תורת ההתחדשות וואס דער רבי האט אונז געלערנט; א מענטש קען וויסן, **יעדע רגע איז א התדמנות פון א התחדשות!**

דער אויבערשטער זאל העלפן טאקע, דער נייער מחזור (- החמה) זאל קומען אויף אונז מיט גוטע יארן ברוחניות ובגשמיות, מיט שפע ברכה והצלחה ושמחה, חיות דקדושה, תורה ותפילה און עבודת השם, געזונט, בני חיי ומזוני רויחי, לנו ולכל ישראל.

**ער האט רשות אוועקצואווארפן דעם גאנצן עבר!**

די התחדשות וואס ער קען יעצט מאכן, האט אין זיך אזעלכע געוואלדיגע סגולות; אז ער האט יעצט געמאכט אין דער רגע א התחדשות אין עבודת הבורא, ער האט זיך אפגעטרייסלט פון הבלי העולם, מאכט דאס א תיקון מיוחד.

# יאמץ לבך

א איד מוז אוועקלייגן אלע חכמות, דינען דעם אויבערשטן בתמימות ובפשיטות, מיט אמונה! אז עס גייט אזא פסח, דארף מען אינזין האבן אז מען זאל ארויסגיין פון מצרים, יעדער איינער, באיזה בחינה שהוא, ארויסגיין פון מצרים, ארויסגיין פון מצרים וואס דאס איז די צוויי טומאות, **'ערוות הארץ'** און **'פגם האמונה'**, מען דארף ארויסגיין פון מצרים און צוגיין צום פסח בתכלית התמימות, און בתכלית תכלית הפשיטות.

דער בעל הגדה זאגט: **"וַאֲפִילוּ כֻּלָּנוּ חֲכָמִים, כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים, כֻּלָּנוּ זְקֵנִים, כֻּלָּנוּ יוֹדְעִים אֶת הַתּוֹרָה"** – דערצייל פון יציאת מצרים, זיי זיך מקשר מיט למעלה מדרך הטבע, אז דער אויבערשטער פירט דער וועלט!

**"כי אני ה' בקרב הארץ!"**

באניי זיך אין אמונה! באניי זיך אין קדושה! נאר בתכלית התמימות ובתכלית הפשיטות! אז מען הייבט נאר אָן צו איבער טראכטן – –

רש"י זאגט (שמות יב, י"א), דאס איז דער סוד פון דער **"בְּחִפָּזוֹן"** מיט וואס מען איז ארויס פון מצרים – אז מען מוז אָן טראכטן, עס איז איז נישטא קיין צייט צו טראכטן.

(עצרת חג שנת תשס"ח לפ"ק)

בס"ד

# געבט אריין א חיות אין א איד!

'דורשי יחודך' כבבת שמרם ברכם טהרם:

## א פרישע חידוש!

עס איז יעצט ארויס פון דריק
די הערליכע שיינע רייכע ספר

## "דורשי יחודך"

### ~ חג האמונה (פסח) ח"א ~

**12 פרישע מאמרים**

ווארעמע ליכטיגע ריינע פשוטע דיבורים
בעניני יציאת מצרים – אמונה ובטחון –
השגחה פרטית – יסודי היהדות – ועוד רבות

מאת הגה"צ מורינו

## רבי יעקב מאיר שעכטער
### שליט"א

דער דבר ה' פאר אונזער דור, געאייגעט פאר
יעדן איינציגסטן איד, אויף דער אידישער
שפראך – מלשונו הזהב

לויפט און קויפט דעם הערליכן שפאגל נייעם חלק
ספר "דורשי יחודך"
חג האמונה -

קחו ברכה אל תוך בתיכם!



פאר האלסעיל רופט:
347-292-1014

ספר "דורשי יחודך"

מאמרי קודש מאת הגה"צ מורינו רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א

מכון דורשי יחודך

המאמרי תורה מורינו הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א


פאר האלסעיל רופט:
347-292-1014


בס"ד

# הידעת?!!

- וואס איז באמת די שליסל צו זיין א איד בעקיבתא דמשיחא?
- ווי ליגט באגראבן מיין אוצר פון יראת שמים?
- קען איך נאך פילן א טעם און געשמאק אין אידישקייט און עבודת ה'? און וויאזוי?
- איז דען התחזקות נישט קיין שעדליכע זאך?
- וואס איז די חילוק צווישן א ליטווישע איד מיט א חסידישע איד?
- וואס טו איך ווען די מח איז פארקלאפט און פארזעצט?
- איך שפיר ווי טעכנאלאגיע ציט מיר זייער שטארק, וואס טו איך דערצו?
- פארוואס דארף מען דערמאנען יעדן טאג יציאת מצרים?
- וואס האט יום טוב פסח מיט מיר?
- איך לעב אין פחדים און פיין וויאזוי זעה איך זיך ארויס דערפון?
- וואס מיינט אמונה?
- וואס גייט מיר העלפן אמונה?
- ווי שיין איך אריין אין מיינע קינדער און ארומיגע אמונה?
- וואזוי גייט צוזאם אמונה מיט השתדלות?
- וואס מיינטווארטן אויף משיח?
- וואס האט ווארטן אויף משיח מיט מיין טאג טעגליכע לעבן?
- ווי שיין איך אריין א ליכטיגקייט אין צפיה למשיח?
- וואס קען איך טון איך פארגין נישט יענעם?

דאס און נאך פיל מער ווערט זייער שיין
און קלאר אויסגעשמוסט אין די

נייע הערליכע ספר
"דורשי יחודך"
חג האמונה (פסח) ח"א